# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:07
מוצאי שב"ק...................8:33

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................זכריה ח'-ט'
בבלי.......................עירובין כ"ז
ירושלמי..................שקלים א'
תוספתא..................כתובות י'
רמב"ם....................תשובה י'

פרשת כי תבא, ט"ז אלול, אבות פרק ג'-ד', שנת תש"פ לפ"ק | שנה 9, גליון 50 (464)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וּבָאתָ אֶל הַכֹּהֵן אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט אוֹיסְצוּזָאגְן דֶעם אֱמֶת, אַז עֶר הָאט אַ תַּאֲוָה צוּ זַיין אַ מַנְהִיג. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען בֶּענְטְשְׁן קַיין אֵיין בֶּענְטְשְׁן עֶרְלִיךְ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דוּ וֶועסְט אִינְזִינֶען הָאבְּן צוּ מַאכְן פַארְשִׁידֶענֶע פַּאקְסְן אוּן תְּנוּעוֹת כְּדֵי אַלֶע זָאלְן קוּקְן, אוּן עֶס זָאל זֵיי גֶעפֶעלְן, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען טוּן קַיין שׁוּם עֲבוֹדָה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מ"ז).

דִי סֵדֶר בַּיי דִי רוּסִישֶׁע רֶבִּי'ס אִיז גֶעוֶוען, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע צִימֶער נֶעבְּן דָאס בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וָואס דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעדַאוֶועְנְט. הָאט מֶען אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רֶבִּי וָואס הָאט אַזוֹי גֶעדַאוֶוענְט אִין זַיין צִימֶערְל, אוּן אַ קַאץ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ גֶערִיבְּן בַּיי דִי טִיר, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט אַז חֲסִידִים שְׁטוּפְּן זִיךְ, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דַאוֶוענֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע כַּוָונָה אוּן מִיט פַּאקְסְן. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַ שְׁמֵייכְל גֶעגֶעבְן, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אַזוֹי?! קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַאר'ן קַאץ" (עַיֵּין אַבְנֵיהָ בַרְזֶל סִימָן יג).

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער אֱמֶת; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַייט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט, אַז מֶען פְלֶעגְט אַרַיינְקוּמֶען צוּ אִים, אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט'ן פָּנִים צוּם וַואנְט, אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעזָאגְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן פוּן אַלְס קִינְד בִּיז יֶעצְט, [וַוייל דוּרְכ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט זַאכְן וָואס עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן], בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְן דִי הֶענְט אוּן גֶעוִויזְן: שׁוֹין גֶענוּג. נָאכְדֶעם אִיז דֶער צְוֵוייטֶער דוּרְךְ, אוּן אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן אַלֶעס אוֹיס פַארְצֵיילְן מִיט אַ גֶעוֵויין, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוּנְקֶען: גֶענוּג. אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט מֶער, אַמָאל וֵוייניגֶער, [דָאס אִיז דִי 'וִידּוּי דְבָרִים' וָואס וֶוערְט דֶערְמַאנְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד]. וַוייל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ וִוי שֶׁקֶר אוּן אוֹיסְנַארְן וְכוּ', נָאר אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַן אֱמֶת.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְ'ן גְרוֹיסְן גָאוֹן אוּן לַמְדָן דֶער בַּעַל כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב זַצַ"ל [טַאטֶע פוּנֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער טְשֶׁעבִּינֶער רָב זצ"ל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל], אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אַייזִיקְל זִידִיטְשׁוֹבֶער זי"ע, מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם זִיךְ גֶעגַאנְגֶען גֶעזֶעגֶענֶען, אוּן וִוייבַּאלְד רֶבִּי יַעֲקֹב זַצַ"ל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְן אַ בֶּענְקְל צוּ זִיצְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעקוּקְט וִוי דֶער עוֹלָם גֵייט דוּרְךְ, אוּן יֶעדֶער בֶּעט זַיין בַּקָשָׁה פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי וואוּנְטְשְׁט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט'ן זֶעלְבְּן נוּסַח: "אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל"; [וִוי בַּאוואוּסְט פְלֶעגְט עֶר אַלְץ אָנְוואוּנְטְשְׁן מִיט דִי וֶוערְטֶער: "אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל".] הָאט עֶר זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, אוּן מְהַרְהֵר גֶעוֶוען: 'גְלַייךְ וֶוען אֵיינֶער אִיז עֶפֶּעס מַזְכִּיר, וֵוייסְט עֶר שׁוֹין אַלֶעס וָואס יֶענֶער גֵייט דוּרְךְ? אוּן עֶר וואוּנְטְשְׁט שׁוֹין אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל?!', וִוי נָאר עֶר טְרַאכְט דָאס אַזוֹי צוּ זִיךְ, גֶעט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ דְרֵיי אוֹיס, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: "אוּן וָואס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס חַזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח ע"א): **וְכֻלָּן נִסְקָרִין בִּסְקִירָה אַחַת**, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אַלֶעס אוֹיף אֵיין מָאל?!", הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶר כַאפְּט אוֹיף זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוֹיךְ, הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען אַז צַדִּיקִים זֶעעֶן אוּן וֵוייסְן אַלֶעס.

(קוּנְטְרֵס אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### פַאְרוָואס פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן?

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר, פַארְוָואס מֶען דַארְף פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ צַדִּיק בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז וֶוער ס'גְלֵייבְּט אִין מִיר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיסֶער דֶעם זָאל עֶר מַאכְן אַ כְּרוּז עֶר זָאל אוֹיסְרוּפְן אַז וֶוער ס'ווִיל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן זי"ע אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען זֶעט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַ מִשְׁפָּט, וָואס טוּט עֶר? עֶר זוּכְט אַ לוֹיעֶר, אוּן וָואס מֶער דִי מִשְׁפָּט אִיז הַארְבֶּער זוּכְט עֶר אַ גְרֶעסֶערְן לוֹיעֶר, חָלִילָה וְחַס אַז מֶען הָאט אִים בַּאשְׁטִימְט טוֹיט שְׁטְרָאף, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא אִין דֶער וֶועלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיף זַיין טַאטְן אוּן אוֹיף זַיין בְּרוּדֶער אוּן אוֹיף זַיין שְׁוֶועסְטֶער, "ס'אִיז מַיין לֶעבְּן", עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר כַאפְּט אוּן פְלִיט צוּ דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן טוֹיט.

דָא אִיז דָא אַ צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר מַבְטִיחַ אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ הַאפְּט פַאר אִים אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט יָאר, אַ פַּרְנָסָה'דִיג יָאר, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן וָואס עֶר וֶועט

<<<<<<

## א גוט ווארט

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלט) וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּן, שְׁנַת תקע"א, אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַן אֵיינִיקְל - יִשְׂרָאֵלִיק, אַ זוּן פוּן שָׂרָה דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער; דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "דַאוֶוען פַאר מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט", הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וָואס וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען דֶערְפַאר?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים: "עֶר פִירְט זִיךְ שׁוֹין וִוי אַ גוּטֶער אִיד", (אַזוֹי פְלֶעגְט מֶען דֶעמָאלְט רוּפְן אַ רֶבִּי - 'אַ גוּטֶער אִיד'), הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְן זַיין גָאלְדֶענֶעם זֵייגֶער. יִשְׂרָאֵלִיק הָאט גֶענוּמֶען דֶעם זֵייגֶער אוּן גֶעזָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "גָאט גָאט! לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט", אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְוֶועזְנְד הָאבְּן זִיךְ צֶעלַאכְט, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס לַאכְט אִיר, וָואס דֶען אִיז תְּפִילָה?!" זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן, וִוי אֵיינֶער פְרֶעגְט: 'דָאס מֵיינְט תְּפִילָה? אוֹיף דֶעם הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ זֵייגֶער?!' הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס דֶען אִיז תְּפִילָה?!" דָאס אִיז תְּפִילָה! פְּשׁוּטֶ'ע וֶוערְטֶער פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם צוּגֶעלֵייגְטֶע זַאכְן וְכוּ'.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תֵצֵא תש"פ)

>>>>>>

בֶּעטְן.

מִיר זֶעֶען וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט, לֵיידֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין טָאג וָואס מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן קַיין אוּמְגְלִיקְן, לֵיידֶער הֶערְן מִיר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גֶעשֶׁענִישְׁן וָואס הָאט פַּאסִירְט: מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען מִיט פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת מִיט חֲלָאִים רָעִים; אוּן דָא אִיז דָא אַזַא רֶבִּי וָואס עֶר הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ הַבְטָחָה, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אִים טוּן אַ טוֹבָה, אוּן וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אִים? אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה וָואס עֶס דַארְף אָפְּהַאלְטְן?

אַווַדַאי אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פּוֹעְל'ט מֶען דָארְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, עֶס אִיז דָא מוֹפְתִים, מֶענְטְשְׁן וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְטְן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט, אוּן נִישְׁט אַוֶועק פוּן צִיּוּן נָאר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט, זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען גֶעזוּנְט. מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען זֵיי גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן. אִיבֶּערְדֶעם וֵוייס אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דַארְף מֶען אָפְּהַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סְ'אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה, סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר זָאל מַאכְן אַ דָגוּשׁ אַז מֶען מוּז קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט, "כָאטְשׁ אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים הָאבְּן נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין יָא מַקְפִּיד, אֵיי אִיז אַ קַשְׁיָא פַארְוָואס, פְרֶעגְט מֶען מְמֵילָא אוֹיף מִיר קַשְׁיוֹת, אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא, אָבֶּער צוּ מִיר דַארְף מֶען קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

אִיבֶּערְדֶעם וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פְרֶעגְט קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר נֶעמְט זַיין רֶענְצֶעלֶע, עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי טַלִית אוּן תְּפִילִין, אוּן עֶסְן, אוּן עֶר פָארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער גֶעזֶעצְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הֶערְט דִי דִיבּוּרִים וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמָאנְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז קַיין שׁוּם אָפְּהַאלְט קֶען אָפְּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דָאךְ דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְץ יָאר; מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַ גַאנְץ יָאר מִיט חוֹבוֹת, בִּשְׁעַת דִי חַזַ"ל זָאגְן כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דָא אִיז דָא אַ הֵיילִיגֶע רֶבִּי וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּין אִיךְ מַבְטִיחַ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, וֶועסְט הָאבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה; אִיז דֶען דָא אַ נִסָּיוֹן נָאךְ אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים?

אִיבֶּערְדֶעם וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין מֶענְטְשׁ.

מֶען דַארְף וִויסְן אֵיין זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמֶען צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן גַאנְץ יוּרָאפּ פוּן גַאנְץ אַמֶערִיקֶע, פוּן גַאנְץ זִיד אַמֶערִיקֶע, פוּן סַאוּט אַפְרִיקֶע, פוּן אוֹיסְטְרַאלְיֶע, פוּן דֶעם גַאנְצְן כַּדּוּר הָעוֹלָם קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אַנְדֶערְן לְבוּשׁ, מִיט זַיין אַנְדֶערְן קוּלְטוּר, מִיט זַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְזֶען, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַלֶע קוּמֶען דָא זוּכְן אַ תִּיקוּן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם.

אוֹיךְ דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל גֵיין דַאוֶונֶען אִין אַ בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ, מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, סְ'אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן אַלֶע חֲסִידוּת'ן פוּן אַלֶע עֵדָה'ס דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיטְ'ן תִּיקוּן, דֶער תִּיקוּן אִיז צוּ זַיין אִין אוּמַאן אִין דִי ד' אַמּוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דָארְטְן בֶּעטְן אוֹיף פְּרַאסְט אִידִישׁ וָואס מֶען דַארְף, אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר אִים מְתַקֵּן זַיין מִיט אַזַא תִּיקוּן וָואס סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען.

אִיךְ מֵיין אַז וֶוער עֶס הֶערְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז שׁוֹין בַּיי אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם נִסָּיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מוֹנֵעַ אוּן מְעַכֵּב, אוּן זָאלְסְט אוֹיךְ בְּרֶענְגְן מִיט דִיר חֲבֵרִים, אוּן זָאלְסְט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ נְקוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס קוּמֶען אַלֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען וִויסְן אַז יֶעדֶער קוּמְט אוֹיף זַיין תִּיקוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַן אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּן מִיט דִי נִירְן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁטֵיינֶער פוּן דִי נִירְן, עֶר קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל, זֶעט עֶר, דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי קָאפּ דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי הַאנְט, דֶער אִיז דִי פִיס, דֶער הָאט אִינְטֶערְוִוינֶעס אִין דִי הַאנְט, דֶעם גֶעבְּט מֶען בְּלוּט טְרֶענְסְפְּיָאזְשֶׁען, טְרַאכְט עֶר וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זוּכְן? אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען, גֶעבּ אַ קוּק וָואס דָא זֶעט זִיךְ אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם אַ מְשׁוּגָעִים הוֹיז, גֵייט עֶר אַוֶועק, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה וִוי עֶר? דוּ דַארְפְסְט זִיךְ דָאךְ קוּמֶען הֵיילְן דַיינֶע נִירְן, אֵיי דוּ זֶעסְט דָארְטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרַאנְקֶע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר צוּטוּן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ הֵיילְן זַיין מַחֲלָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אַווַדַאי זֶעט מֶען דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דָאס דַארְף דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, דוּ דַארְפְסְט קוּקְן נָאר אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקוּן, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אִיז זִיךְ אַרַיין אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט. אַווַדַאי אִיז דָארְטְן דָא אַלֶע סָארְטְן עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, וֶוער סְ'קוּמְט הָאט אַ תִּיקוּן, אוּן מְמֵילָא דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין וַוייבּ, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, מֶען הֶערְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן יֶעדְן טָאג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אַווַדַאי אוּן אַווַדַאי פּוֹעְל'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, קִינְדֶער, שִׁידוּכִים, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

(אֲשֶׁר בְּנַחַל אִידִישׁ מִכְתָּב שמ"ב)

# אוֹיסְוַוארְפְן גֶעלְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה, אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין שֵׁיינֶע שִׂמְחוֹת, מֶען מֶעג מַאכְן שֵׁיינֶע שִׂמְחוֹת, מִיר מַאכְן אוֹיךְ שֵׁיינֶע שִׂמְחוֹת; וָואס טְרַאכְט אִיר, דִי מֶענְטְשְׁן פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זֶענֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן מִיט טַעַם? מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן? מִיר ווִילְן נִישְׁט שֵׁיינֶע זַאכְן? תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פַארְשְׁטֵייעֶן זֵייעֶר גוּט וָואס שֵׁיין אִיז אוּן מִיר ווִילְן אוֹיךְ שֵׁיינֶע זַאכְן.

אָבֶּער סְתַּם אוֹיסְוַוארְפְן גֶעלְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה - אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה; דָאס וָואס דִי עֲשִׁירִים טוּעֶן, זֵיי מַאכְן זִיךְ מְשׁוּגָע פַאר אַפָּאר שָׁעָה, זֵיי זוּכְן כָּבוֹד, זֵיי זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ פַארְשֶׁעמֶען פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד - דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז אָסוּר.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; מֶען בָּארְגְט גֶעלְט פַאר נִישְׁטִיגֶע פָּאר שָׁעָה פַאר נַארִישֶׁע זַאכְן וָואס פֶּעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס, עֶכְטֶע בְּלוּמֶען, טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער אוּן אַ טֵייעֶרֶע זַאל - אִיז זִיכֶער אַ גְרוֹיסֶע זִינְד.

דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנְאֵל אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן מַאכְן שִׂמְחוֹת אִינֶעם זַאל וָואס דִי קְהִלָּה שְׁטֶעלְט צוּ בְּחִנָּם; דִי עֶסְן טֵיילְט מֶען אַיין צְווִישְׁן דִי מִשְׁפָּחוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער בְּרֶענְגְט עֶפֶּעס לְכָבוֹד דִי שִׂמְחָה, עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר דִי מְחוּתָּנִים, דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה אוּן דִי שִׂמְחָה אִיז אַ שִׂמְחָה.

אַז אִיר ווִילְט מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אִין שְׁטוּבּ לְכָבוֹד דִי בַּר מִצְוָה אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אַז אִיר ווִילְט זִיךְ אָנְטוּן מִיט אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם; אַדְרַבָּה, מַאכְטְס אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, דַאנְקְטְס אוּן לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. גֶעדֶענְקְטְס נָאר וָואס אִיז דֶער עִיקָּר פוּן דִי שִׂמְחָה, דֶער עִיקָּר שִׂמְחָה אִיז דָאס אַז אֵייעֶר זוּן גֵייט אַרַיין לְעֹל הַמִּצְוֹת; עֶר הֵייבְּט אָן לֵייגְן תְּפִילִין, עֶר הֵייבְּט אָן טוּן מִצְוֹת, עֶר וֶוערְט מְחוּיָב בְּמִצְוֹת - דָאס אִיז דִי עִיקָּר שִׂמְחָה פוּן דִי בַּר מִצְוָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט דֶערְצֵיילְן, דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם קִיְווִיאַשְׁדֶער רָב אַ טָאג נָאכְן בַּר מִצְוָה מַאכְן אַ זוּן; דֶער קִיְווִיאַשְׁדֶער רָב הָאט גֶעלַאדְנְט דֶעם רֶבִּי'ן צוּ דִי בַּר מִצְוָה פוּן זַיין זוּן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, וַוייל נָאכְדֶעם וֶועט עֶר דַארְפְן גֵיין צוּ יֶעדְנְ'ס בַּר מִצְוָה. אָבֶּער הֱיוֹת דֶער קִיְווִיאַשְׁדֶער רָב הָאט אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֶבִּי אָפְּגֶעשְׁטַאט אַ בַּאזוּךְ בַּיי אִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דִי אַמֶערִיקַאנֶער עוֹלָם, בַּיי זֵיי מַאכְט מֶען אַ גַאנְצֶע עֵסֶק אִינֶעם טָאג פוּן דִי בַּר מִצְוָה, מֶען טְרָאגְט דֶעם בָּחוּר אִין שׁוּל מִיט דִי תְּפִילִין, מֶען טוּט אִים אָן אַ קַאפְּל מִיט אַ טַלִית אוּן מֶען מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק אִינֶעם טָאג פוּן דִי בַּר מִצְוָה, אָבֶּער דָאס אִיז נָאר יֶענֶעם טָאג, אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער טוּעֶן זֵיי אוֹיס דֶעם קַאפְּל מִיט דִי תְּפִילִין וְכוּ'. בַּיי זֵיי, אוֹיבּ קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ דִי בַּר מִצְוָה הָאט מֶען פַארְפַאסְט דִי בַּר מִצְוָה, אָבֶּער בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי בַּר מִצְוָה אִינֶעם טָאג וָואס מֶען וֶוערְט אַ גָדוֹל אוּן עֶס צִיט זִיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוֹיבּ אַזוֹי בִּין אִיךְ נָאךְ יֶעצְט בַּיי דִי בַּר מִצְוָה.."

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תֵצֵא תש"פ)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (עח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אוּיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בַּאזוּכְט דֶער רֶבִּי בַּיי צַדִּיקִים, אוּן קוּמְט אָן צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִנֶּעשְׁכִּיז זי״ע עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת, אוּן דֶער צַדִּיק נֶעמְט אִים אוּיף זֵייעֶר שֵׁיין.**

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער צַדִּיק גֶעהֵייסְן אַז מְ׳זָאל צוּגְרֵייטְן אַ סְעוּדָה פַאר׳ן רֶבִּי׳ן, דַוְקָא בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים. כָאטְשׁ וִוי אוּיבְּנְדֶערְמַאנְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעטָארְט גֶעוֶוענְלִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען קַיין שׁוּם עֶסְן אִין זַיין הוֹיז, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן ״אַהֲבָה מְקַלְקֶלֶת הַשּׁוּרָה״ אוּן מְ׳הָאט יָא אָנְגֶעגְרֵייט דָארְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן אוּיבְן אָן, אוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִנֶּעשְׁכִּיז זי״ע הָאט זִיךְ אוּיפְגֶעהוֹיבְן פוּן בֶּעט אוּן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין גָאלְדֶענֶעם בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּם טִישׁ לְכָבוֹד דֶעם רֶבִּי׳ן. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין אַ הַאלְבּ יָאר וָואס עֶר אִיז אוּיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן בֶּעט אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט בַּיים טִישׁ. לְכָבוֹד דֶעם רֶבִּי׳ן אִיז עֶר אַרַיינְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין גָאר שְׁוֶועֶרֶע צוּשְׁטַאנְד אִין וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶעמָאלְט עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אוּיף שַׁבָּת, אוּן דֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל עֶסְן בַּיי אִים אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. אִין אָנְהוֹיבּ הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוָואלְט, אָבֶּער דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶעגֶעסְן בַּיי אִים.

נָאךְ שַׁבָּת הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט צוּם רֶבִּי׳ן צֶען רֶענְדְלֶעךְ פַאר אַ פִּדְיוֹן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען אַז עֶר מוּז אוּיסְטֵיילְן זַיין גַאנְץ פַארְמֶעגְן, אָבֶּער סְ׳אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ וְכוּ׳, דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר דַארְף נִסְתַּלֵּק וֶוערְן, אוּן עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת.

### שכ

אַ זוּן פוּנֶעם מְשַׁמֵּשׁ בַּיי הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִנֶּעשְׁכִּיז זי״ע הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט אַרוֹיס פוּן הוֹיז, הָאט דֶער צַדִּיק אִים בַּאגְלֵייט בִּיז אִינְדְרוֹיסְן, כָאטְשׁ דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים דֶעמָאלְט מַמָּשׁ מְסִירוּת נֶפֶשׁ וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אוּיסֶערְגֶעוֶוענְלִיךְ שְׁוַואךְ. אוּן וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק אַרַיין גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער, ״אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט בַּאשַׁאפְן וֶוערְן נָאר אַז רֶבִּי נַחְמָן זָאל בַּיי מִיר אִיבֶּער טְרֶעטְן דֶעם שְׁוֶועל, אִיז אוּיךְ גֶענוּג!״.

### שכא

אַוֶועקְפָארְנְדִיג פוּן דָארְט, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן צוּם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי צְבִי אַרְיֵה מֵאָלִיק זי״ע, אַ תַּלְמִיד מוּבְהָק פוּן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי״ע. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן אִים זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוּיף אִים אַז עֶר אִיז אַ חָכָם.

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, הָאט דֶער צַדִּיק אִים אוּיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, אוּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייְדט צוּ אִים. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַסַאךְ מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן אִיבֶּער דִי עִנְיָנִים פוּן מַרְאוֹת אוּן חֶזְיוֹנוֹת, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אַלֶעס וָואס הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִנֶּעשְׁכִּיז זי״ע הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן אִין דֶעם עִנְיָן, אוּן אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיט אִים. וַוייל הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִנֶּעשְׁכִּיז זי״ע הָאט זִיךְ אוּיפְגֶעטוּן פַאר׳ן רֶבִּי׳ן אַז עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם מַלְאַךְ מְטַ״ט מַמָּשׁ מִיט דִי אוֹיגְן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזֶען אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אוּן פַאר דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט הָאט עֶר אִים גֶעזֶען אַזוֹי אוּן אַזוֹי, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, זָאגְנְדִיג אַז נִישְׁט אַזוֹי זֶעט מֶען דֶעם מַלְאַךְ מְטַ״ט. אוּן אַזוֹי וִוי הָרַב הַקָּדוֹשׁ מֵאָלִיק זי״ע הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי אַלֶע טַעֲנוֹת אוּן וִיכּוּחִים, הָאט עֶר גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר׳ן רֶבִּי׳ן אַז עֶר זֶעט טַאקֶע יָא בֶּאֱמֶת.

אַזוֹי וִוי סְ׳אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאנְט צוּ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז דֶער רֶבִּי אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִים אוּיף שַׁבָּת, אוּן בַּיי יֶעדֶע סְעוּדָה

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָאלְגְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה׳ גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיטְ׳ן עֶלְטֶערְן פִיר יֶערִיג קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט וָואס מְ׳רֶעדְט צוּ אִיר, זִי פָאלְגְט נִישְׁט טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע סָארְט וֶועגְן, אָבֶּער גָארְנִישְׁט אַרְבֶּעט נִישְׁט מִיט אִיר. מִיר הַאלְטְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, זִי בַּאקוּמְט נִישְׁט אַלֶעס וָואס זִי פַארְלַאנְגְט, אוּן דָאס הָאט זִי זִיךְ שׁוֹין אוּיסְגֶעלֶערְנְט אָנְצוּנֶעמֶען, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ טוּן זַאכְן וָואס מְ׳הֵייסְט אִיר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל צוּ אָנְטוּן נַאכְט קְלֵיידֶער, נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי בֶּעבִּי, אוּן דָאס גְלַייכְן, דַאן אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן. זִי וֶוערְט אַזוֹי אוּיפְגֶערֶעגְט אוּן ווִילְד, זִי צֶעבְּרֶעכְט אוּן גִיסְט אוּיס זַאכְן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען אִיר אָפְּשְׁטֶעלְן אִיז נָאר אַ פַּאטְשׁ.

מִיר וֵוייסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע וֶועג. צוּ גֵיין צוּ חִינוּךְ קְלַאסְן אָדֶער טֶערֶעפִּי פַאר׳ן קִינְד, וֵוייסְן מִיר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט נִישְׁט דֶערְפוּן. בִּיטֶע הֶעלְפְט אוּנְז אַרוֹיס מִיט דֶעם וַוייל מִיר הַאלְטְן עֶס שׁוֹין מִיר נִישְׁט אוֹיס, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אִיר מַאכְן פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער, אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד אוּן נִישְׁט פָאלְגֶעדִיג; קִינְדֶער וֶוערְן אַזוֹי גֶעבּוֹירְן. עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב יא, יב): ״וְעַיִר פֶּרֶא אָדָם יִוָּלֵד״, אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת וִוי אַן אֵייזְל אָן שֵׂכֶל; מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי מִידוֹת. דִי אַרְבֶּעט פוּן עֶלְטֶערְן אִיז צוּ הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיסָאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.

וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען גָאר יוּנְג אִיז דִי צַייט אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן זֵייעֶרֶע נַאטוּרְן, זֵיי זָאלְן פָאלְגְן; קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אוֹיסְצוּפִירְן אוּן נִישְׁט פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן. עֶלְטֶערְן דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן שְׁטַארְקֶע לִינְיֶעס כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן, מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע מִיטְלֶען צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי עַקְשָׁנוּת פוּן דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ דַארְף דָאס גֵיין מִיט אַ פֶּעטְשְׁל, גֶעבְּט מֶען אַ פֶּעטְשְׁל, בִּיז דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען זִיךְ אוֹיס צוּ פָאלְגְן.

דִי אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער צָאלְט עֶס זִיךְ אוֹיס, אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, אַז מֶען הֶעלְפְט דִי קִינְדֶער אוֹיסְבֵּייגְן דִי שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּרְן הָאט מֶען שְׁפֶּעטֶער אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי; זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט נָאךְ דִי קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין בַּאלִיבְּטֶע טַאטֶע מַאמֶע. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): ״חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ״, עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָר׳ן נִישְׁט דִי קִינְדֶער דִי הָאבְּן פַיינְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, ״וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר״, ווִידֶערְאוּם עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָר׳ן דִי קִינְדֶער - דִי הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שְׁמוֹת רַבָּה א, א) וֶוען עֶלְטֶערְן הֶערְן אַז אֵיינֶער הָאט גֶעשְׁלָאגְן זֵייעֶר קִינְד וֶועלְן זֵיי דָאךְ זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין יֶענֶעם, וִוי קֶען דֶער פָּסוּק זָאגְן אַז דִי עֶלְטֶערְן וָואס שְׁלָאגְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער הָאבְּן פַיינְט דִי קִינְדֶער? ״לְלַמֶּדְךָ, שֶׁכָּל הַמּוֹנֵעַ בְּנוֹ מִן הַמַּרְדּוּת סוֹף בָּא לְתַרְבּוּת רָעָה וְשׂוֹנְאֵהוּ״, וַוייל דִי עֶלְטֶערְן וָואס מוּסָר׳ן נִישְׁט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, זֵיי וֶועלְן אָפְּלָאזְן דִי אִידִישֶׁע וֶועג.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין טָאג; קִינְדֶער טוּישְׁן זִיךְ נִישְׁט אִין אֵיין טָאג, מֶען דַארְף אַקֶערְן אוּן זֵייעֶן בִּיז מֶען שְׁנַיידְט דִי פֵּירוֹת אָבֶּער אַז מֶען הָאט גֶעדוּלְד זֶעט מֶען אַסַאךְ נַחַת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבוֹא תש״פ)



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט״א אין**
**אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס ״עצתו אמונה״**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 3# 718-387-2691**

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

הָאט הָרַב הַקָּדוֹשׁ מֵאָלִיק גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוּן אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן אִין דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט רְמָזִים פַאר'ן רֶבִּ'ין, אוֹיפְצוּאַווייזְן אַז עֶר זֶעט בֶּאֱמֶת מַרְאוֹת אוּן חֶזְיוֹנוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער בִּכְלַל נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט דֶערוֹיף.

וַוייל אֵיידֶער דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין צוּ אִים, הָאט עֶר מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אִים, אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשְׁוִויגְן אוּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אִין דֶעם עִנְיָן.

וֶוען ס'אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין זַיין צִימֶער, אוּן דֶער צַדִּיק אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט, "אִיר גְלוֹיבְּט מִיר נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַז אִיךְ זֶע?! אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אָפֶּענֶע בַּאוַוייזְן אַז אִיךְ זֶע!", אוּן עֶר הָאט ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תּוֹרָה אוּן אוֹיפְוַוייזְן אַז עֶר זֶעט יָא. דֶעמָאלְט הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶער לָשׁוֹן פוּן חֲזַ"ל (מְגִילָּה כ"ד:), "הַרְבֵּה צִפּוּ לִרְאוֹת בְּמַעֲשֵׂה מֶרְכָּבָה, וְלֹא רָאוּ אוֹתָהּ מִימֵיהֶם", אַסַאךְ הָאבְּן גֶעוָואלְט זֶען דִי מַעֲשֶׂה מֶרְכָּבָה, זֵיי הָאבְּן עֶס אָבֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען.

### שכב

פוּן דָארְט הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט אַהֵיים, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, י' תַּמּוּז.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק "עֲשֵׂה לְךָ שָׂרָף וְשִׂים אֹתוֹ עַל נֵס" (בַּמִּדְבָּר כ"א, ח'), אוּן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט עֶר גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק "כִּי תַעֲבֹר בַּמַּיִם אִתְּךָ אָנִי" (יְשַׁעְיָהוּ מ"ג, ב'). אוּן דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב בַּיים אִים. [דִי תּוֹרָה אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע"ג].

### שכג

נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּן מִיט זַיין עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער אָדְל, מִיט רֶבִּי יוֹסְקֶע, אַ זוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מִחְמֶעלְנִיק זי"ע, אַ תַּלְמִיד פוּן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע.

פָאַרְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

אַ תְּפִלָּה צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אוּן אַלֶע אִידְן, אַלֶע זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, וְתַטֶּה לֵב הַמַּלְכוּת עָלֵינוּ לְטוֹבָה, וְתִגְזוֹר עָלֵינוּ גְזֵרוֹת טוֹבוֹת, בֵּייג דִי הֶערְצֶער פוּן דִי רֶעגִירוּנְג זֵיי זָאלְן זַיין גוּט צוּ אִידְן, זֵיי זָאלְן אוּנְז אַרַיין לָאזְן צוּם רֶבִּי'ן.**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# מיט תפלה וועט מען אנקומען קיין אומאן אויף ראש השנה

דעם פארגאנגענעם וואך מיטוואך איז ארויסגעקומען די שווערע נייעס פון אוקריינע אז די ארטיגע רעגירונג וויל פארשפארן די גרעניצן פאר אלע אויסלענדישע בירגער, פאר א חודש צייט, וואס דאס קומט אויס ביז דעם קומענדיגן יום כיפור.

אידישע קינדער, וואס גארן אוןווארטן שוין א גאנץ יאר זוכה צו זיין צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו אלע תיקונים פון הייליגן רבי'ן, האבן אויפגענומען די נייעס גאר שווער. עס זענען געווען אידן וואס האבן זיך גלייך אויפגעהויבן און געפארן קיין אומאן, ארייצוכאפן אנצוקומען אהין נאך איידער די גרעניצן ווערן פארשפארט, זיי האבן געהאט אסאך שוועריקייטן ביים אנקומען אהין, אבער מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען צום סוף ארייגעלאזט כמעט אלע אידן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אבער געזאגט אז ער וויל נאכנישט פארן, דער רבי האט געוואלט אז מ'זאל קומען צו אים נאר אויף ראש השנה, נישט צו זיצן אין אומאן פאר עטליכע וואכן אן די ווייב און קינדער. דער ראש ישיבה שליט"א איז כסדר מעורר אז דער עיקר וואס מ'דארפט איז נאר אסאך תפלה, צו בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין צו פארן צום הייליגן רבי'ן, ווייל נאר מיט תפלה קען מען אנקומען. אידן האבן זיך שוין צוגעוואוינט אז די גרעניצן זענען אפן און מ'קען פארן רואיגערהייט קיין אומאן אן קיין פראבלעמען, האט דער אייבערשטער געוואלט אונז אויפוועקן און דערמאנען אז אן תפלה קען מען נישט אנקומען צו קיין שום זאך, און אויב וועלן מיר זיך שטארקן מיט אסאך תפלה, בעטן דעם אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך אז מיר זאלן זוכה זיין צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה, וועט דער אייבערשטער מאכן גרויסע ניסים אז מ'וועט קענען פארן בשלום.

אין א בריוו די וואך האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן א קורצע תפלה צו בעטן דעם אייבערשטער אויף דעם [זע די תפלה אין א באזונדערע קעסטל], און אז נאר דאס איז די איינציגסטע עצה אויף יעדע זאך.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הראש השנה שלי עולה על הכל", ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, "והיה פלא אצלי, מאחר שהמקורבים שלי מאמינים לי, ולמה לא יזהרו כל האנשים המקורבים אלי שיהיו כולם אל ראש השנה, איש לא יעדר, כי כל ענין שלי הוא רק ראש השנה", עס איז מיר א וואונדער אויף די מענטשן וואס גלייבן אין מיר, און זיי זענען מקורב צו מיר, פארוואס זאלן זיי אלע נישט זיכער מאכן צו קומען צו מיר אויף ראש השנה? קיינער טאר נישט פעלן, ווייל מיין גאנצע זאך איז ראש השנה.

נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תה): "הראש השנה שלי הוא חידוש גדול, והשי"ת יודע שאין הדבר הזה בירושה מאבותי, רק השי"ת נתן לי זאת במתנה, שאני יודע מהו ראש השנה, לא מבעיא אתם כולכם בודאי תלויין בראש השנה שלי, אלא אפילו כל העולם כולו תלוי בראש השנה שלי", איך האב באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן, אז איך ווייס וואס 'ראש השנה' איז, און נישט נאר ענק, נאר די גאנצע וועלט איז געוואנדן אין מיין ראש השנה.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן אלע זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און אויס'פועל'ן א גוט געבענטשט יאר און א כתיבה וחתימה טובה.

**יעלה תחנונינו מערב!**

***

# די ישיבה האט זיך שוין צוריקגעקערט קיין וויליאמסבורג

געלויבט השם יתברך אז עס איז דורך א הערליכע זומער אויף די בערג, אין קרית ברסלב ליבערטי, וואו די בחורים און אינגעלייט האבן אויסגענוצט די זומער וואכן מיט טויזנטער בלעטער גמרא, פרקים משניות, און נאך פילע לימודים, אזוי אויך האט עס געדינט אלס א "ריהעב פון אמונה", מען האט זיך אנגעשעפט מיט אמונה פאר'ן גאנצן קאלטן ווינטער.

יעצט ווען דער זומער סעזאן האט זיך שוין געענדיגט, איז די ישיבה גלייך ממשיך מיט'ן סדר היום אין וויליאמסבורג, וואו די בחורים זיצן און לערנען פלייסיג א גאנצן טאג, און אזוי אויך גייט ווייטער אן די בארימטע שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א טעגליך און וועכנטליך מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

אזוי אויך זענען די בחורים ממשיך מיט'ן לערנען יעדן טאג גאנץ מסכת תענית, וואס וועט בעז"ה אנהאלטן ביז ראש השנה, און מיט דעם טוען די בחורים די סגולה וואס מוהרא"ש האט געגעבן פאר די בחורים אין יאר תשע"א ווען ער האט באזוכט אין קעמפ, אז ווער עס וועט ענדיגן יעדן טאג מסכת תענית פאר פערציג טעג, אנגעהויבן פון חמשה עשר באב, וועט טרעפן זיין שידוך. און אזוי האלטן די בחורים אן דעם איינפיר זינט דעמאלט, און זעען ב"ה אפענע ישועות. די בחורים טרעפן גוטע שידוכים איינער נאכ'ן צווייטן.

**קול גדול ולא יסף!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אשר בער אינדארסקי** הי"ו, ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **אברהם יושע וועבערמאן** הי"ו, ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **שאול גאנץ** הי"ו, מאנסי
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב


## מ'פארט קיין אומאן

וועט מען קענען פארן קיין אומאן דאס יאר אויף ראש השנה? ווי אזוי קענען מיר אנקומען קיין אומאן אן פראבלעמען?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 2, 86**

## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן; עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך.
בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס.

אייער פריינד
אלי קנאלל
Plan it Rite
Travel the right way
**718-506-4341**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**